STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02616

YIDISHE LAYSTUNG IN ERETSISROEL

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע לייסטונג
אין ארץ־ישראל.

פיער יאהר ציוניסטישע ארבייט.

פאקטען און ציפערן.

ארויסגעגעבען פון דעם

הויפטביורא פון דעם קרן היסוד

75, GREAT RUSSELL STREET, LONDON, W.C. 1

1922.

די בריטישע הבטחה.

(די באלפור־דעקלאראציע, פון׳ם 2־טען נאוועמבער, 1917).

„זיין מאַיעסטעטס רעגירונג קוקט גינסטיג אויף דער גרינדונג פון א נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינאַ פאַר׳ן אידישען פאָלק, און וועט זיך באַמיהען מיט אַלע כחות צו פערלייכטערען די דורכפיהרונג פון דיזען ציעל; דערביי דאַרף קלאָר פאַרשטאַנען ווערען, אַז קיין זאַך וועט ניט געטאָן ווערען, וואָס קען שאַדען די בירגערליכע און רעליגיעזע רעכט פון די עקזיסטירענדע ניט־אידישע געמיינדען אין פאַלעסטינאַ, אָדער די רעכט און דעם פּאָליטישען מצב וואָס אידען געניסען אין אירגענד וועלכען לאַנד.

די אינטערנאציאנאלע גאראנטיע.

(פאראגראף 95 פון׳ם שלום־אבמאך מיט דער טערקיי.)

די הויכע קאָנטראַקט־צדדים זיינען מסכים, אונטער אָנווענדונג פון די באַשטימונגען פון׳ם פאַראַגראַף 22, אָנצופאַרטרויען די פאַרוואַלטונג פון פּאַ־לעסטינאַ, אינערהאַלב פון אַזעלכע גרעניצען, וואָס וועלען באַשטימט ווערען פון די פאַרבינדעטע הויפּט־מעכטען, צו אַ מאַנדאַטאַר־מאַכט, וואָס זאָל אויס־געוועהלט ווערען דורך די דערמאָנטע מעכטען. די מאַנדאַטאַר־מאַכט וועט זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער דורכפיהרונג פון דער דעקלאַראַציע, וואָס איז צוערשט געמאַכט געוואָרען דעם 2־טען נאָיועמבער, 1917, פון דער בריטישער רעגירונג און איז אָנגענומען געוואָרען פון די אַנדערע פאַרבינדעטע מעכטען, לטובת דער שאַפונג אין פאַלעסטינאַ פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַר׳ן אידישען פאָלק. דערביי דאַרף קלאָר פאַרשטאַנען ווערען, אַז קיין זאַך וועט ניט געטאָן ווערען, וואָס קען שאַדען די בירגערליכע און רעליגיעזע רעכט פון די עקזיסטירענדע ניט־אידישע געמיינדען אין פאַלעסטינאַ, אָדער די רעכט און דעם פּאָליטישען מצב וואָס אידען געניסען אין אירגענד וועלכען לאַנד.

די הסכמה פון אמעריקא.

(רעזאלוציע פון דעם קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען).

„נעמענדיג אין באטראכט, אז דאס אידישע פאלק האט דורות לאנג געשטרעבט אויפצובויען זיין אלט היימלאנד,

און נעמענדיג אין באטראכט, אז א דאנק דער מלחמה און דעם אידישען אנטייל אין איהר, האט מען דעם אידישען פאלק געגעבען די מעגליכקייט אויפצושטעלען און ווידעראויפצובויען א נאציאנאלע היים אין דעם לאנד פון זיינע פאטערס, וואס וועט געבען דעם בית ישראל די מעגליכקייט, וועלכע מען האט זיי אזוי לאנג ניט געוואלט געבען, צו שאפען פרוכטבאר אידיש לעבען און קולטור אין דעם אלטען אידישען לאנד—

באשליסט דער סענאט און קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען, אז די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא שטימען צו צו דער שאפונג פון א אידישער נאציאנאלער היים אין ארץ ישראל, מיט דער באדינגונג, אז עס זאל גארניט געטאן ווערען, וואס קען שאדען די רעליגיעזע און ציווילע רעכט פון ניט אידען, און אז די הייליגע ערטער און היסטארישע געביידעס זאלען אבגעהיט ווערען".

פרעזידענט הארדינג וועגען דעם קרן־היסוד.

דער אמעריקאנער פרעזידענט וואררען הארדינג האט צוגעשיקט דעם פאלגענדען בריף צו דעם סעקרעטאר פון דעם קרן־היסוד אין אמעריקא:

„איך בין זעהר צופרידען אויסצודריקען מיין הסכמה און הארציגע סימפאטיע צו דער אנשטרענגונג פון דעם קרן־היסוד פאר דער אויפבויאונג פון ארץ־ישראל אלס א היימלאנד פון דעם אידישען פאלק. איך האב שטענדיג באטראכט מיט א אינטערעס, וואס איז פונקט אזוי פראקטיש ווי גייסטיג, דעם פארשלאג וועגען דער אויפלעבונג פון ארץ־ישראל, און איך גלויב, אז די ארבייט, וואס ווערט צוליב דעם אנגעפיהרט אין דעם לאנד און אויך אין אנדערע לענדער, וועט האבען דעם פולסטען ערפאלג".

אידישע לייסטונג אין ארץ־ישראל.

פיער יאהר ציוניסטישע ארבייט.

דעם 2־טען נאָוועמבער, 1917, האָט די בריטישע רעגירונג אַרויסגעלאָזען די באַלפור-דעקלאַראַציע וועגען דער גרינדונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל.

אין אַפּריל, 1920, האָט דער אויבער־ראַט פון די פאַרבינדעטע מלוכות אין סאַן־רעמאָ ראַטיפיצירט די באַלפור־דעקלאַראַציע.

דעם 10-טען אויגוסט, 1920, איז די דעקלאַראַציע אינטערנאַציאָנאַל גאַראַנטירט געוואָרען אין׳ם שלום־אָבמאַך מיט דער טערקיי, און גרויס־בריטאַניע איז באַשטימט געוואָרען אַלס מאַנדאַטאַר-מאַכט פון׳ם פעלקער־בונד פאַר דער אַדמיניסטראַציע פון ארץ ישראל.

* * *

אין פריהלינג 1918 האָט די ציוניסטישע קאָמיסיע, אַלס פאַרטרעטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויפגענומען איהר טעטיגקייט אין ארץ ישראל.

אָנהויב יאָהר 1918 איז געשאַפען געוואָרען דער קרן־הגאולה, פאַר דער פינאַנסירונג פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציאָנס־ארבייט.

אין יוני, 1920, איז געגרינדעט געוואָרען דער ארץ־ישראל׳דיגער אימיגראַציאָנס־און קאָלאָניזאַציאָנס־פאָנד „קרן־היסוד״, אַלס אַן אַלגעמיין אידישער פינאַנץ־אינסטרומענט פאַר דער ווידעראויפבויאונג פון ארץ ישראל.

* * *

וואָס האָבען אויפגעטאָן די ציוניסטישע באַוועגונג, איהרע פינאַנץ־אינסטיטוציעס און איהרע ישוב־פאָנדען אין׳ם משך פון די פאַרגאַנגענע פיער יאָהר?

וואס האט דער ציוניזם אויפגעטאן אין ארץ ישראל?

ס׳זיינען געגרינדעט געוואָרען בליהענדע לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים.

ס׳זיינען געשאַפען געוואָרען מאָדערנע שטאָדט-טיילען און גאָרטען-שטעדט.

גרויסע שטחים ערד זיינען אַריבער אין׳ם רשות פון׳ם גאַנצען אידישען פאָלק.

ס׳איז רעגולירט און ערמוטיגט געוואָרען די אידישע אימיגראַציע.

ס׳איז איינגעפיהרט געוואָרען מאָדערנע סאַניטאַציע.

ס׳איז ענטוויקעלט געוואָרען אַ ווייט־פאַרצווייגטע ערציהונגס-און שול-סיסטעמע.

העברעאיש איז געוואָרען אַ לעבעדיגע פֿאָלקס-שפּראַך.

ס'איז געלייגט געוואָרען דער פֿונדאַמענט פֿאַר אידישער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג.

זאָלען די פֿאַקטען און ציפֿערן רעדען פֿאַר זיך אַליין.

לאנדווירט־שאפטליכע ישובים. עס געפֿינען זיך איצט אין ארץ ישראל 55 אידישע קאָ־לאָניעס אויף אַ שטח פֿון 700.000 דונאַם (אַן ערך 70,000 העקטאַר), מיט אַ בעפֿעלקערונג פֿון 15.000 נפֿשות.

די צאָהל אידישע לאַנד־אַרבייטער איז אָנהויב יאָהר 1922 געווען 2,300. פֿון זיי האָבען 1,000 לאַנדווירטשאַפֿטליכע אַרבייטער זיך באַזעצט אין 20 קאָאָפּעראַטיווע און 4 אינדיווידועלע קאָלאָניעס, וואָס באַארבייטען בס"ה אַ שטח פֿון 33.000 דונאַם. די אַרבייטער־ווירט־שאַפֿטען שטעהען אונטער דער דירעקטער השגחה פֿון'ם לאַנדווירטשאַפֿטליכען דעפּאַרטמענט פֿון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

4 לאַנדווירטשאַפֿטליכע פּראָבע־סטאַנציעס פֿאַר די פֿאַרשידענע טיילען און קלימאַטען פֿון'ם לאַנד, געגרינדעט דורך דער ציוניסטישער אַדמיניסטראַציע, פֿיהרען שוין אָן זייער אַרבייט; נאָך פֿיער אַזעלכע פּראָבע־סטאַציעס ווערען איצט געגרינדעט.

באוואלדונג. אין'ם משך פֿון די יאָהרען 1919-1921 האָט דער לאַנדווירט־שאַפֿטליכער דעפּאַרטמענט פֿון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע פֿאַרפֿלאַנצט אַ שטח פֿון אַן ערך 3,000 דונאַם מיט 750,000 וואַלד־און גאָרטען־בוימער; מיליאָנען יונגע בוימלאַך זיינען צוגעגרייט געוואָרען אין די בוים־שולען פֿאַר באַוואַלדונג. אויף דער דאָ־זיגער אַרבייט זיינען אויסגעגעבען געוואָרען איבער 40,000 פֿונט.

דורך דער באַוואַלדונגס־אַרבייט ווערט אָבגעשטעלט דאָס אַיינדרינגען פֿון דיונען, זומפּען ווערען אויסגעטריקענט, און נאַקעטע באַרג־זייטען ווערען באַדעקט מיט בוימער.

לאנדקויף. דער אידישער נאַציאָנאַלפֿאָנד, דער לאַנד-פֿאָנד פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג, באַזיצט איצט 75,000 דונאַם לאַנד (געגען 21,000 אין'ם יאָהר 1920) אַלס אייביגע אייגענטום פֿון'ם אידישען פֿאָלק. אַן ערך 74,000 דונאַם זיינען לאַנדווירטשאַפֿטליכע ערד. זיין שטאָדטיגער לאַנד־באַזיץ באַשטעהט פֿון אַן ערך איין מיליאָן פּיק (ביי 600,000 קוואַדראַט-מעטער).

דער דאָרפֿישער לאַנד־באַזיץ פֿון'ם אידישען נאַציאָנאַלפֿאָנד ווערט איבער־געגעבען צו קאָלאָניסטען אין ירושה־פּאַכט, און זיין שטאָדטיגער לאַנד־באַזיץ אין פּאַכט מיט ירושה בוי־רעכט, געגען אַן אָבצאָהלונג פֿון אַ מעסיגער לאַנד-רענטע.





אויבֶערְשְׁטֶעס בִּילְד—זאַמדיגע ערד וואָס די רעגירונג האָט געגעבען דער אידישער קאָלאָניע ראשון לציון צו קולטיווירען.
צֶענְטֶער בִּילְד— בוימער־פלאַנצונג אויף זאַמדיגער ערד (ראשון לציון).
אונְטֶערְשְׁטֶעס בִּילְד—אַ אידישע פלאַנטאַציע אויף די זאַמד־דיונעס.





אויבערשטעס בילד—דאס אנקומען פון אידישע חלוצים. שטעלען אויף געצעלטען.
צענטער בילד— א נייער ישוב (דגניה).
אונטערשטעס בילד—א אידישע קאלאניע (עקרון).



אויבערשטעס בילד—דאס לייגען פון דעם גרונדשטיין פון דער אידישער שטאדט תל־אביב אין 1909.
צענטער בילד—דריי יאהר שפעטער—א גאס אין תל־אביב אין 1912 (רחוב הרצל).
אונטערשטעס בילד—א גאס אין תל־אביב אין 1922 (שדרות רוטשילד).

אויבערשטעם בילד—צוגרייטונגען פאר א נייעם ישוב אין א שטייניגער געגענד (קרית ענבים).
צענטער בילד—ביימער געפלאנצט צווישען די פעלזען (בן שמן).
אונטערשטעם בילד—אן עפעל־גארטען אויף שטייניגער ערד (חולדה).





אויבערשטעס בילד—חלוצים (אידישע פיאָנירען) טריקענען אַ זומפּ נעבען ים טבריה.
צענטער בילד—אַ עקאליפּטוס וועלדיל געפלאַנצט אויף דער איינגעטריקענטער ערד.
אונטערשטעס בילד—אַ גאַס אין אַ קאָלאָניע וואָס געפינט זיך אין אַ זומפּיגען פלאַץ נעבען מי מרום (יסוד המעלה).



אויבערשטעס בילד—אויפברעכען פון אונבעארבייטע ערד, אקערען צווישען די פעלזען (בן שמן).
צענטער בילד—הכנות פאר באוואלדונג (באר טוביה).
אונטערשטעס בילד—ביהנען־צוכט (חולדה).



אויבערשטעס בילד—פלאנצונג פון א ווייַנ־גארטען אין א נייער קאלאניע (קרית ענבים).
צענטער בילד—א בילד פון זכרון־יעקב, איינע פון די ערשטע אידישע וויין־קאלאניעס.
אונטערשטעס בילד—אנזיכט פון פתח־תקוה.







אויבערשטעס בילד—דער אידישער טעכניקום אין חיפה.
צענטער בילד—די אידישע ,,בצלאל‘‘ קונסט־שול אין ירושלים.
אונטערשטעס בילד דער פלאן פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים.

איף די דאָרפישע לענדערייען פון׳ם נאַציאָנאַלפאָנד געפינען זיך 22 ישובים, מיט אַ באַפעלקערונג פון 1,500 איינוואוינער, וואָס קולטיווירען אַ שטח פון 28,000 דונאַם.

די „חברת הכשרת הישוב באַ״י״, די ציוניסטישע געזעלשאַפט פאַר לאַנד־קויף און פאַרצעלירונג, האָט ערוואָרבען ביי 75,000 דונאַם, אין׳ם ווערט פון 350,000 פונט, אין שטאָדט און דאָרף, פון וועלכע זי האָט שוין אַ חלק ווייטער פאַרקויפט צו אידישע קאָלאָניזאַטאָרישע, אינדוסטריעלע און בוי־געזעלשאַפטען.

24,000 אידען זיינען איינגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל אימיגראַציע. אין׳ם משך צייט פון פעברואַר 1919 ביז מערץ 1922. פון זיי 21,000 אונטער דער השגחה און מיט דער הילף פון די ציוניס־טישע פאַלעסטינאַ־אַמטען. די מעהרהייט פון די אימיגראַנטען זיינען אַרבייטער און בעלי־מלאכות, און די מייסטע אימיגראַנטען זיינען אין׳ם אַלטער פון 19 ביז 30 יאָהר.

מיט אַ גאַנץ קליינער אויסנאַמע האָט מען פאַר אַלע אימיגראַנטען געפו־נען באַשעפטיגונג אין דער לאַנדווירטשאַפט, ביי עפענטליכע אַרבייטען, ביי הייזער־בוי, אָדער אַנדערע שטאָדטיגע אינדוסטריעס.

דער אימיגראַציע־בודזשעט פאַר היי־יאָהר באַטרעפט 90,000 פונט.

ביז 3,000 אַרבייטער, ס׳רוב נייע אימיגראַנטען, זיינען געווען עפענטליכע באַשעפטיגט אין יאָהר 1921 ביי עפענטליכע אַרבייטען אַרבייטען. און בוי־אַרבייטען. דער בוי פון 75 קילאָמעטער שאָסעען, 15 קילאָמעטער באַהן־ליניע, אַ בריק איבער׳ן ירדן, ווי אַנדערע ערד־און בוי־אַרבייטען זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען דורך אידישע אַרבייטער־קאָאָפּעראַטיווען.

דער ווערט פון די קאָנטראַקטען איז געווען 240,000 פונט.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט באַוויליגט באַטריבס־קרעדיטען און אויסשטאַטונגס־בייסטייערונגען אויף אַ סומע פון 75,000 פונט.

ס׳איז געגרינדעט געוואָרען אַן אַרבייטער־באַנק צו פינאַנצירען די דאָזיגע קאָאָפּעראַטיוען. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז באַטייליגט דורך דער אידישער קאָלאָניאַל־באַנק מיט פאָרצוגס־אַקציעס אויף אַ סומע פון 30,000 פונט.

13,500 פונט האָבען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט׳ן קרן היסוד בייגעשטייערט פאַר די צוגרייטונגס־אַרבייטען אין פאַרבינדונג מיט דער דורכ־פיהרונג פון דער ירדן־קאָנצעסיע.

10,000 פונט האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געגעבען דער רעגירונג פאַר דער דרענאַזש־אַרבייט אין ירושלים וואָס איז דורכ־געפיהרט געוואָרען דורך אידישע אַרבייטער און ציוניסטישע אינזשעניערען.

די אידישע קאָלאָניאַל-באַנק האָט געגעבען דער רעגירונג אַ הלואה פֿון 15,000 פֿונט פֿאַר'ן בוי פֿון שאָסעען אין יהודה.

אַחוץ דעם זיינען דורכגעפֿיהרט געוואָרען אויף אַ גרעסערען מאַסשטאַב אַמעליאָראַציאָנס־אַרבייטען אויף די לענדערייען פֿון דעם אידישען נאַציאָנאַלפֿאָנד.

ערציהונג.

די שול־סיסטעמע, אויפֿגעהאַלטען פֿון דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע, נעמט אַרום:

53 קינדער־גערטנער,
65 פֿאָלקס-שולען,
12 מיטעל־שולען
אין לעהרער-סעמינאַרען,
7 לערן־װערקשטאַטען.

בס"ה 137 שולען.

די צאָהל פֿון לעהרער: 505
„ „ תלמידים: 13,000.

די לערן-שפּראַך אין אַלע שולען איז — העברעאיש.

דער בנין פֿון דעם אידישען טעכניקום אין חיפה וועט פֿאַרטיג ווערען אין משך פֿון היינטיגען זומער.

דער גרונדשטיין פֿון דער העברעאישער אוניווערזיטעט איז געלעגט געוואָרען אויף'ן הר־הצופים אין יאָהר 1918.

דער שול־בודזשעט פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פֿאַר היינטיגס יאָהר באַטרעפֿט £128,000

די אויפֿהאַלטונג פֿון דער גאַנצער אידישער שול-סיסטעמע אין ארץ ישראל האָט פֿאַראַיאָהרען געקאָסט בס"ה £150,000

די ביישטייערונג פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז געווען בערך £110,000

שכר-למוד און לאָקאַלע ביישטייערונגען £21,000

די ביישטייערונג פֿון דער רעגירונג £E2,675

סאניטאציע.

די ציוניסטישע מעדיצינישע קערפּערשאַפֿט „הדסה" האָט אונטער זיך די סאַניטאַציע־אַרבייט אין 5 שטעדט, 22 קאָלאָניעס, און אין די אַרבייטס־לאַגערן. זי באַזאָרגט די מעדיצינישע הילף פֿאַר די אימיגראַנטען און האָט די מעדיצינישע השגחה איבער די שולען. זי פֿערוואַלטעט:

17 האָספּיטעלער, פּאָליקליניקען, פֿאַרבאַנדס-פּונקטען און לאַבאָראַטאָריעס.

טעטיגקייט אין משך פון צוויי יאָהר.

9,000 פּאַציענטען אין האָספּיטעלער.
150,000 קראַנקע אין די פּאָליקליניקען.
750,000 קראַנקע באַהאַנדעלט אין די קליניקען.
23,000 פּאַציענטען באַהאַנדעלט אין זייערע היימען.
55,000 לאַבאָראַטאָריע אונטערזוכונגען.

די האָספּיטעלער און קליניקען זיינען אָפֿען פֿאַר אַלעמען, אָהן אונטערשיד פון רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט; די לאַבאָראַטאָריעס באַדינען אויך די רעגירונג.

דער יעהרליכער בודזשעט פון דער „הדסה" באַטרעפט 100,000 פונט.

שטאַדטיגע קאָלאָני-זאַציע.

בוי-קרעדיטען אויף אַ סומע פון 55,000 פונט זיינען געגעבען געוואָרען דורך די ציוניסטישע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס און דורך דעם קרן-היסוד, אין יפו, ירושלים און טבריה. אַן ערך 500 הייזער זיינען אין תל-אביב אויפגעבויט געוואָרען אָדער ווערען געבויט. ס'האַלטען ביי געבויט ווערען איינינגע הונדערט הייזער אין ירושלים, חיפה, טבריה.

פינאַנץ-אינסטי-טוציעס.

די אידישע קאָלאָניאַל-באַנק אין לאָנדאָן, די צענטראַלע פינאַנץ-אינסטיטוציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, באַזיצט אַן איינגעצאָהלטען קאַפּיטאַל פון 380.000 פונט. איהרע דעפּאָזיטען אין'ם יאָהר 1921 האָבען באַטראָפען 870.000 פונט. זי האָט אין די יאָהרען 1920 און 1921 פאַרטיילט אַ דיווידענד פון 5 פּראָצענט.

די אַנגלאָ-פּאַלעסטינאַ-קאָמפּאַני אין יפו, די טאָכטער אינסטיטוציע פון דער אידישער קאָלאָניאַל-באַנק אין ארץ-ישראל, האָט פאַרגרעסערט איהר איינגעצאָהלטען קאַפּיטאַל פון 100,000 פונט אין'ם יאָהר 1919 אויף 300,000 פונט אין'ם יאָהר 1921. איהרע דעפּאָזיטען זיינען געוואַקסען פון 750,000 (אין יאָהר 1919) אויף 875,000 פונט (אין יאָהר 1921). אין'ם יאָהר 1921 האָט זי געהאַט אַ ריינעם ריוח פון 25,000 פונט, און איז געווען ביכולת צו צאָהלען, ווי פאַר דער מלחמה, אַ דיווידענד פון 4 פּראָצענט.

מיט איהרע זעקס אָבטיילונגען איז זי די וויכטיגסטע קרעדיט-אַנשטאַלט פאַר דעם האַנדעל און פאַר דער אידישער אינדוסטריע אין ארץ ישראל. זי גיט אויך די קאָלאָניסטען קורץ-טערמיניגע קרעדיטען אויף'ן גערעטעניש, און האָט אויך באַוויליגט לאַנג-טערמיניגע בוי-און פלאַנצונגס-הלואות אויף אַ באַדייטענדען מאַסשטאַב.

די אַלגעמיינע היפּאָטעקען-באַנק פון א"י מיט אַן איינגעצאָהלטען קאַפּיטאַל פון 50,000 פונט איז דאָ ניט לאַנג געגרינדעט געוואָרען. זי גיט אַרויס אָבליגאַציעס פאַרצינזט מיט 6 און 7 פּראָצענט, וואָס זיינען געזיכערט דורך היפּאָטעקען. דער קרן-היסוד נעמט איבער אָבליגאַציעס פון דער באַנק אויף אַ סומע פון 50,000 פונט.

פריוואט־ קאפיטאל אין האנדעל און אינדוסטריע.

אין'ם משך פון די לעצטע דריי יאָהר זיינען געשאַפען געוואָרען פון אידען איבער 50 אינדוסטריעלע און האַנדעלס־אונטערנעמונגען, מיט אַ קאַפיטאַל פון בס"ה 1,000,000 פונט. 72 פראָצענט פון אַלע רעגיסטרירטע „געזעלשאַפטען מיט באַגרע־נעצטער אחריות" זיינען אידישע. אַלע רעגיסטרירטע גענאָסענ־שאַפטען זיינען אידישע.

די וויכטיגסטע נייע אונטערנעמונגען זיינען:

די אויל־פאַבריק „שמן" אין חיפה	קאַפיטאַל	100,000 פונט.
די בוי־געזעלשאַפט „הבונה", יפו	"	100,000 "
די האַנדעלס־געזעלשאַפט „חירם" אין חיפה	"	100,000 "
די פאַלעסטינער סיליקאַט־געזעלשאַפט אין יפו	"	75,000 "
די אַמעריקאַנישע געזעלשאַפט פאַר פרוכט־צוכט	"	50,000 "

די פארווענדונג פון די ארץ־ישראל פאנדען.

(אַפּריל 1918—מערץ 1922).

א) לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניזאַציע	... ...	220,000 עג. פ.
ב) לאַנד־קויף, אַמעליאָראַציע און באַוואַלדונג דורך'ן אי־דישען נאַציאָנאַל־פאָנד (יאַנואַר 1918—מערץ 1922)		330,000 "
ג) עפענטליכע אַרבייטען, אינוועסטיציעס און קרעדיטען		102,000 "
ד) שטאָדטיגע קאָלאָניזאַציע (אַריינגערעכנט הייזער־בוי)		79,000 "
ה) ערציהונג און קולטור	... ...	341,000 "
ו) סאַניטאַציע	... ...	356,500 "
ז) אימיגראַציע און סאָציאַלע פאַרזאָרגונג	... ...	148,000 "
ח) נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס	... ...	74,000 "
ט) אַדמיניסטראַציע און פאַרוואַלטונג	... ...	113,500 "
בס"ה		1,764,000 "

דערצו קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס פאַר די פינאַנץ־אינסטיטוטען—אַנגלאָ־פאַלעסטינאַ קאָמפּאַני, די אַלגעמיינע היפּאָטעקען־באַנק פון ארץ ישראל, אַרבייטער־באַנק — אויף אַ סומע פון	£280,000
דער גאַנצער ס"ה פון די אינוועסטיציעס פון'ם קרן הגאולה, פון'ם אידישען נאַציאָנאַל־פאָנד, פון'ם קרן היסוד און פון די אידישע באַנקען באַטרעפט איבער	£2,000,000

אין דער סומע זיינען ניט אַריינגערעכנט 1,000,000 פונט אינוועסטיציעס פון פּריוואַטען קאַפּיטאַל אין האנדעל און אינדוסטריע, פּריוואַטע אינוועסטיציעס אין דער לאַנדווירטשאַפט, ווי אויך די הוצאות פון דער יק"א און פון די הילפס-פאָנדען.

בסך־הכל זיינען אינוועסטירט פון אידען אין ארץ-ישראל אין משך פון די 4 יאָהרען 1918 ביז 1922 איבער **4,000,000 פונט.**

ווילט איהר די ארבייט זאל ווייטער געהן?

די אידישע קאָלאָניזאַציע-אַרבייט אין ארץ ישראל איז אָהן אַ נאַציאָנאַלען כלל-פאָנד ניט מעגליך.

ענגלאַנד און די בריטישע קאָלאָניעס שטיצען די אימיגראַציע און באזעצונג אין דער אימפּעריע דייטשלאַנד און איטאַליע — זייער אינעווייניגע קאָלניזאַציע מיט מלוכה-מיטלען, און פינאַנסירען זיי דורך כלל-אינסטיטוציעס.

אַזוי נויטיגט זיך אויך דאָס אידישע פאָלק פאַר דעם אויפבוי פון זיין היימלאַנד אין ארץ ישראל אין אַ מעכטיגען נאַציאָנאַלען קאָלאָניזאַציאָנס-פאָנד.

דאָס איז דער קרן-היסוד, דער אויפבוי־פאָנד פון ארץ־ישראל.

דער קרן־היסוד איז דער וויכטיגסטער פינאַנץ-אינסטרומענט פאַר ישוב ארץ־ישראל.

ער איז דער חוט השדרה פון אַלע אַרבייטס-צווייגען פאַר טובת הכלל, וואָס גיבען ניט קיין ריוח.

ער שאַפט דעם קרעדיט־באַזיס פאַר די צווייגען פון דער ישוב-אַרבייט, וואָס נויטיגען זיך אין אָנהויב אין דער הילף פון'ם שטאַאַט.

דורך זיין באַטייליגונג אין אונטערנעמונגען וואָס ברענגען ריוח, גאַראַנטירט ער זייער נאַציאָנאַלען כאַראַקטער.

צאָהלט אייער מעשר! באַשטייערט פרייוויליג אייער הכנסה און אייער פאַרמעגען לטובת דעם קרן-היסוד!

דאָס אידישע פאָלק קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ, כבוד און פרייהייט.

וואו שטעהט איהר אין זיין לעצטען־קאַמף?

„...ווען איהר פאָהרט איצט קיין ארץ ישראל, וועט איהר דאָרט געפינען פאַרשידענע שולען — פאָלקס-שולען, מיטעל-שולען אָדער גימנאַזיעס, טעכנישע און קונסט-שולען, אַלע גוט באַזאָרגט מיט לעהרער און מיט אַ גרויסער צאָהל תלמידים. איהר וועט אויסגעפינען, אַז די הוצאות פאַר אויפהאַלטען די שולען ווערען צוגעשטעלט פון אידען אין אַלע וועלט-טיילען.

„ווען איהר פאָהרט איצט קיין ארץ ישראל, וועט איהר זעהן געוויסע שפיטאָלען אָפען פאַר אַלעמען, און אויב איהר וועט זיך נאָכפרעגען, ווער עס באַזאָרגט די מעדיצינישע הילף, וועט איהר זיך דערוויסען, אַז די מעדיצינישע הילף איז אַ אידישע אויף'ן חשבון פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

„אויב איהר פאָהרט קיין ארץ ישראל וועט איהר דאָרט קענען זעהן די אַגריקולטור-שולע, וואו אַלעריליי פאָרשונגען ווערען געמאַכט. זי איז געשאַפען געוואָרען, אַ דאַנק דער גוטהער-ציגקייט פון דער אידישער קהלה אין פראַנקרייך, מיט אַ סך יאָהרען צוריק.

„איך וואָלט אייך געקענט ווייזען גרויסע שטחים ערד, וואו פריהער האָט גאָרניט געקענט וואַקסען. איצט אָבער וועט איהר דאָרט מערקען גרויסע וויינגערטנער מיט אַ שטאַרקער, געזונטער באַפעלקערונג און באַגעגענען יונגע לייט, וואָס רייטען אויף פיינע פערד — דאָס זיינען אימיגראַנטען פון רוסלאַנד.

„אויף אַמאָליגע חורבות וואַקסען איצט אָראַנזשען און שטיקער לאַנד זעהען איצט אויס, ווי אין די אַמאָליגע, אוראַלטע צייטען, ווען ארץ ישראל איז געווען אַ ארץ זבת חלב ודבש. נעמט איהר אַוועק פון ארץ ישראל די אידישע אַגריקולטור, וועט איהר געפינען, אַז דאָס לאַנד איז אויף הונדערטער יאָהרען הינטערשטעליג.

„די דאָזיגע אַרבייטען זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען דורך אידען, אונטער גרויסע שווע-ריגקייטען. זינט די ברישישע אַדמיניסטראַציע האָט איבערגענומען די השגחה איבער ארץ ישראל, איז דער שנעלער פראָגרעס עהנליך צו די מערב-לענדער. דאָך געפינען זיך אַזעלכע וואָס פרעגען: „איז דען כדאי, אַז מ'זאָל דאָס לאַנד אויפבויען?"

„יאָ, ס'איז כדאי, ניט בלויז אין די אינטערעסען פון דער אידישער ראַסע, נאָר אין די אינטערעסען פון דער גאַנצער מענשהייט. ס'איז שוין אַוועק די צייט, ווען אימיצער זאָל קענען פאָדערן, אַז גרויסע גיטער זאָלען בלייבען חרב, ווייל די איינוואוינער זיינען צו אונוויסענד אָדער צו פויל ווי צו בעאַרבייטען."

סער אַלפרעד מאָנד,

אָקספאָרד, 25-טען פעברואַר, 1922.